משמרת השלום
02-5379160



# א גוּט וואָרט

וואָכְן-שְׁרִיפְט פַאר קִינְדֶער, פוּן 'מִשְׁמֶרֶת הַשָּׁלוֹם'

נו' 14
פר' בא
תשפ"ד

טֶעמָא:
**שַׁיידְט זִיךְ אָפּ, מִיט שְׁטַארְקַייט!**

## אַנְטְלוֹיף פוּנֶעם שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ!

### פוּן וואוּ שְׁטַאמְט דֶער גֶערוּךְ?

פַּארְנַאכְט. זוּנְדְל קוּמְט אַהֵיים פוּן מַארְק אוּן פִּילְט אַ שְׁלֶעכְטן גֶערוּךְ. עֶר כַאפְּט נִישְׁט, פוּן וואוּ. לְמַעֲשֶׂה, הָאט עֶר שׁוֹין גֶעפִילְט דֶעם גֶערוּךְ אוֹיפְן וֶועג. זֶעהט אוֹיס, אַז ס'הָאט אִיהם אַהֵיים בַּאגְלֵייט!

עֶר טְרַאכְט: 'אֶפְשָׁר הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מַיינֶע זֶעקְלֶעךְ, אַ פַארְפוֹילְטֶע פְרוּכְט?' - נֵיין. ס'אִיז דָארְט נִישְׁטָא עֶפֶּעס אוֹיסְטֶערְלִישׁ.

צוּמָארְגְנְ'ס קוּמְט זוּנְדְל וִוידֶער אַהֵיים, בַּאגְלֵייט מִיט גָאר אַ גוּטֶע גֶערוּךְ... אוּן ס'קוּמְט נִישְׁט, פוּן דִי פְרִישׁ בְּלִיהֶענְדִיגֶע בְּלוּמֶען. אוֹיךְ נִישְׁט פוּן זַיינֶע זֶעקְלֶעךְ; ס'הָאט זִיךְ דָארְט גָארנִישְׁט אַרַיין גֶעגְלִיטְשְׁט. אוּן דָאךְ: אַ רֵיחַ גַן עֵדֶן!...

זוּנְדְל בַּאטְרַאכְט זִיךְ אוּן פַארְשְׁטֵייט:

נֶעכְטְן אוֹיפְן וֶועג אַהֵיים, אִיז עֶר אַדוּרְךְ פוּן אַ לֶעדֶער-גֶעשֶׁעפְט. דֶער גֶערוּךְ אִיז דָארְט גֶעוֶוען אוּמ-

דֶערְטְרֶעגְלִיך. און כָאטְשׁ עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקוֹיפְט, הָאט אִיהם דֶער אוּם-סִימְפַּאטִישֶׁער גֶערוּך, בַּאגְלֵייט.

אָבֶּער הַיינְט, אוֹיפְן וֶועג צוּרִיק, אִיז עֶר אַרַיין אִין אַ בְּשָׂמִים-גֶעשֶׁעפְט, גֶעעֶפְנְט אַלֶערְלֵיי טַאבִּיק פּוּשְׁקֶעס. עֶר הָאט טַאקֶע גָארְנִישְׁט גֶעקוֹיפְט - אָבֶּער דֶער גֶעשְׁמַאקֶער גֶערוּךְ, הָאט אִיהם בַּאגְלֵייט.

ס'אִיז דֶער בַּאקַאנְטֶע אַייגְנְשַׁאפְט, פוּנֶעם חוּשׁ הַרֵיחַ:

וֶוער סְ'דְרֵייט זִיך אִין אַ שְׁמֶעקֶעדִיגֶע פְּלַאץ, בַּאגְלֵייט אִיהם אַ גוּטֶער שְׁמֶעק, און וֶוער סְ'דְרֵייט זִיך אִין פְּלֶעצֶער וָואס 'שְׁמֶעקְן נִישְׁט גוּט'... וֶוערְט בַּאגְלֵייט מִיט אַ... שְׁמֶעק!---

## זֵיי נִישְׁט קַיין טֵייל פוּן זֵיי!

אֵיידֶער רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, הָאט זִיך גֶעזֶעגְנְט פוּן דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "בְּנִי, אַל תֵּשֵׁב בַּחֲבוּרוֹת הָאוֹמְרִים גְּנַאי מְחַבְרֵיהֶם, כִּי כְּשֶׁהַדְּבָרִים עוֹלִים לְמַעְלָה בְּסֵפֶר נִכְתָּבִין, וְכָל הָעוֹמְדִים שָׁם נִכְתָּבִין בְּשֵׁם חֲבוּרַת רֶשַׁע".

וֶוער ס'גֶעפִינְט זִיך אִין אַ חֲבוּרת מְדַבְּרֵי לָשׁוֹן הָרַע - וֶוערְט בַּארִינְגְלְט מִיט אַ שְׁלֶעכְטְן גֶערוּךְ פוּן דִיבּוּרִים אֲסוּרִים!

- אוֹיךְ אוֹיבּ עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזָאגְט, און אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן, נִישְׁט צוּ גְלֵייבְּן - קְלֶעפְּן זִיך אָן אִין אִיהם דִי רֵייד. און אִין הִימְל וֶוערְט עֶר אַרַיינְגֶערֶעכְנְט און פַארְשְׁרִיבְּן, אִין דֶעם 'חֲבוּרַת רֶשַׁע'.

פָּארִיגֶע וָואךְ, הָאבְּן מִיר פַארְשְׁטַאנֶען, אַז אוֹיבּ דוּ 'דֶערְמַאנְסְט, רַאטֶעוֶועסְטוּ!'...



און דֶערְפַאר דַארְף מֶען אוֹיפְמֶערְקְן אַ חֲבֵר, וָואס וֶוערְט גֶעשְׁטְרוֹיכְלְט.

אָבֶּער יֶעצְט רֶעדְט מֶען, פוּן אַ אַנְדֶער מַצָּב...

צוּמָאל טְרֶעפְט מֶען זִיך אָן כַּוָּונֶה, 'פַארְקְנַאקְט' אִין אַ גְרוּפֶּע וָואס רֶעדְט און פַארְקְרִיכְט צוּ דִיבּוּרִים אֲסוּרִים.

יֶעדֶער פוּן זֵיי, לֵייגְט צוּ אַ מַעֲשֶׂה, וֶוערְטְל, אָדֶער שְׁפַּאס.

און דוּ זִיצְט צְוִוישְׁן אַלֶעמֶען און קְלֶערְסְט: 'ס'הָאט גָארְנִישְׁט מִיט מִיר. אִיךְ שְׁוַוייג און מִישׁ זִיך נִישְׁט אַרַיין'. זָאגְט דֶער חָפֵץ חַיִּים: ס'אִיז אָסוּר צוּ זִיצְן צְוִוישְׁן מְדַבְּרֵי לָשׁוֹן הָרַע, און זֵיי אוֹיסְהֶערְן...

נִישְׁט נָאר מֶען טָאר נִישְׁט, נָאר אִין הִימְל וֶוערְט דִי גַאנְצֶע גְרוּפֶּע גֶערֶעכְנְט, אַלְס אַיין חֲבוּרָה. אוֹיךְ דִי וָואס שְׁוַוייגְן.

אִיז וָואס טוּהט מֶען?

זָאל מֶען אָנְ-מֶערְקְן אֵיידְל, ווִי מִיר הָאבְּן פָּארִיגֶע וָואךְ גֶעלֶערְנְט? דֶערְמַאנֶען און זִינְגֶען 'גוּטֶע רֵייד'? - נֵיין. דוּ דִי שִׁיטָה, אִיז נִישְׁט פַּאסִיג פַאר זֵיי! דָאס זֶענֶען קִינְדֶער, וָואס הֶערְן נִישְׁט אוֹיס... דַיין אָנְמֶערְקוּנְג, וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּהן. נָאר פַארְקֶערְט. דוּ צִיטֶערְסְט, אַז זֵיי וֶועלְן זִיך צוּ שְׁרַייעֶן הֶעכֶער, און וֶועלְן אוֹיפְוַוייזְן, אַז זֵיי זֶענֶען גֶערֶעכְט.

זֵיי רֶעדְן הַאסְטִיג... און דוּ בִּיסְט אַיין אֵיינְצִיגֶער, קֶעגְן זֵיי: ווִי אַזוֹי קֶענסְטוּ פַארְמַיידְן דִי טְרַאגֶעדְיֶע, וָואס שְׁפִּילְט זִיך דָארְט אָפּ? מ'קֶען נִישְׁט רֶעדְן מִיט זֵיי, אוֹיף עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ...

## ס'אִיז גֶעקוּמֶען דִי מִינוּט.

אִין דִי מִינוּט וָואס דוּ כַאפְּסְט, אַז דוּ

זִיצְט אִין אַ פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע פְּלַאץ, דַארְפְּסְטו אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן טוּהן!

זִיך פָּשׁוּט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן אַוֶועק גֵיין, בִּיז זֵיי וֶועלְן זִיך בַּארוּהִיגְן אוּן אַיינְשְׁטֶעלְן.

'פָּשׁוּט אוֹיפְשְׁטֶעלְן'? ס'אִיז נִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט... אִיז לָאמִיר אוֹיסֶערְן דִי קְלוּגֶע עֵצָה, וָואס גִיבְּט אוּנְז, שְׁלוֹימִי פוּן 'בֵּיתַּר' (אַ עֵצָה וָואס פַּאסְט, צוּ נָאךְ וִויכְטִיגֶע זַאכְן):

**"וֶוען דו דַארְפְּסְט עֶפֶּעס אָפְּלָאזְן און ס'קוּמְט דִיר אָן שְׁוֶוער - בַּאשֶׁעפְטִיג זִיךְ מִיט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ!"**

גֵיי אַרוֹיס מִיט אַ חֲבֵר אִין חָצֵר. בַּאטְרַאכְט דֶעם נַייעֶם אוֹיפְגֶערִיסֶענֶעם גְרוּב, נֶעבְּן חֵיידֶער...

גֵיי אַרָאפּ צוּם קִינְדֶער-גָארְטְן, בַּאזוּךְ דַיין בְּרוּדֶער אָדֶער שְׁוֶועסְטֶער-קִינְד...

בְּלַייבּ זִיצְן, אוּן מָאל אַ שֵׁיינֶע בִּילְד...

אָדֶער בֶּעט בַּיי אַ חֲבֵר, עֶר זָאל חֲזֶר'ן מִיט דִיר מִשְׁנָיוֹת.

ס'אִיז נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וָואס. דֶער עִיקֶר, אַנְטְלוֹיף פוּן פַייעֶר!

**אַ רֶגַע!**

**מַיינֶע חֲבֵרִים רֶעדְן לָשׁוֹן הָרַע. אִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן זֵיי, בִּיז זֵיי עֶנְדִיגְן שְׁמוּעֶסן, כ'וֶועל שְׁפֶּעטֶער צוּרִיק גֵיין, בִּיז דִי קוּמֶענְדִיגֶע לָשׁוֹן הָרַע... אִיז עֶס כְּדַאי? אָדֶער אִיךְ דַארְף זִיךְ זוּכְן אַנְדֶערֶע חֲבֵרִים?**

**אוֹיף דֶעם וֶועלְן מִיר בְּעֶזְרַת ה' רֶעדְן, דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ...**

**דֶערְוַוייל טְרַאכְט אִיבֶּער - וָואס דו הָאסְט גֶעלֵיינְט!**

**גוּט שַׁבָּת. מְשׁוּלֶם.**

פרשת ויצא › ט. מאיר, "עטרת אסתר", ירושלים › מכונות שלם

**אִיהר הָאט אוֹיפְגֶעלֵיינְט פוּנֶעם וָואכְנְשְׁרִיפְט, בַּיים שַׁבָּת'דִיגְן טִישׁ?**

אוֹיב יָא, דֶערְצֵיילְט אוּנְז בַּיים חֲבֵרִים-לַיין
072-337-2212
דְרִיקְט 395

**אוֹיךְ אִיהר קֶענְט זַיין צְוִוישְׁן דִי גְלִיקְלִיכֶע, וָואס גֶעוִוינֶען אַ טַייעֶרְן גֶעשַׁאנְק!**

# שו"ת משולם

## אַ הֲלָכָה צוּם שַׁבָּת טִישׁ




**צו צושליסן נאך מוסדות, צום פראגראם חברים:** פעקס: 02-6506107
מייל: t025379160@gmail.com

צו אנטייל נעמען און צושפרייטן דעם וואכנשריפט:
**1800-800-779**

**דער וואכנשריפט ווערט געדריקט און פארשפרייט לזכות:** יעקב בן חיה שרה
לרפואה שלימה ובריאות איתנה




גֶעשְׁרִיבְּן: ש. רוזנשטיין | גֶעמָאלְן: יוספי יוסף

# מחסומיקס

## הַאלְט! מֶען אַרְבֶּעט אוֹיפְן וֶועג
## דָא אַרְבֶּעט מֶען אוֹיף... זִיךְ אַלֵיין!




אִיהר ווִילְט הֶערְן אַבִּיסְל מֶער, אוֹיף מְשׁוּלָּם מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים,
אוּן אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע'ס, מְסוּכְּנְ'דִיגֶע סָאלְדַאטְן?

**קְלִינְגְט אַרַיין צוּם חֲבֵרִים-לַיין: 0723372212 דְרִיקְט 392**


צו צושפרייטן דעם וואכנשריפט אין שוהל'ן, פאר א מינימאליש'ן פרייז- **קלינגט 02-5379160 דריקט 0**